# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות....................4:30
מוצאי שב"ק.....................6:02

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........דברי הימים ב ל"ג-ל"ד
בבלי....................סנהדרין כ"ה
ירושלמי..................שקלים כ"ז
תוספתא.............מעשר שני ג'
רמב"ם............טומאת צרעת י'

פרשת ויחי, י"א טבת, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 15 (683)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ג), אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט לִיגְן פִילֶע מֶענְטְשְׁן אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁרֵייעֶן מִיט בִּיטֶערְלִיכֶע קוֹלוֹת מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, אוּן וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי פֵיינֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, שְׁרֵייעֶן זֵיי, "נֵיין נֵיין, מִיר דַארְפְן נִישְׁט דִי סָארְט עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת ה'", אוֹיךְ לִיגְן דָארְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אָן קַיין קְלֵיידֶער אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶפֶּעס מִיט וָואס זִיךְ צוּצוּדֶעקְן, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טַאקֶע קְלֵיידֶער, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן, "נֵיין נֵיין, דִי קְלֵיידֶער וֶועלְן אוּנְז גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, מִיר דַארְפְן הָאבְּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים זִיךְ אָנְצוּטוּן דֶערְמִיט". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס זוֹכֶה צוּ עֶסְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ צוּטְרִינְקֶען עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן זִיךְ אָנְטוּן מִיט עֶפֶּעס מִצְוֹת".

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט אוֹיסְקוּקְן וֶוען מִיר וֶועלְן אֵיין טָאג אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעטְרַאכְט נָאר פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן צוּם עָלְמָא דְאָתֵי, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַמָאל, "אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי עֶרְשְׁטֶע בָּרוּךְ הַבָּא אִין קֶבֶר", דָארְט אִיז גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט, דָארְט אִיז נָאר חָשׁוּב דִי תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, דִי מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרֵיינְצוּכַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, דָארְט דַארְף מֶען אָפְּגֶעבְּן אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, סֵיי אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן סֵיי חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע, אוּן גָארְנִישְׁט וֶוערְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג אוּן יָארְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנּוֹם, אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט אַרֵיין דָארְטְן אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, עֶר זָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ אִים, אוּן מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א (פְּנֵי דָוִד, וַיְחִי) וָואס טַייטְשְׁט דָאס אַרֵיין אִין פָּסוּק פוּן דִי וָואכְנְדִיגֶע סֶדְרָה, מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ, שְׁמֵנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער, וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ, מַעֲדַנֵּי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עֵדֶן, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב פִירְט אַרֵיין אִין גַן עֵדֶן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גָאר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת אוּן אִין גָאר שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייטְן, עֶר אִיז מַמָּשׁ מֻרְגָּל צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע חִיּוּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט עֶר זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז גָאר שְׁטַארְק אוּן עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, דֶער אַרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי הֵיילִיגֶע וָואכְן זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן? יֶעדֶער אִיד זוּכְט אַ וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מֶען מֵיינְט אַז נָאר מִיטְ'ן פַאסְטְן אַסַאךְ תַּעֲנִיתִים אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן דֶעם גוּף קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דָאס הַאלְט אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת. לָאמִיר אָבֶּער נֶעמֶען דִי זַאךְ, מִיר זָאלְן זִיךְ אַיינְשַׁאפְן אַ מִשְׁנַיוֹת, אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן אָנְהוֹיבּ אִין דִי רֵייעֶ, גֵיין אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דֶערְנָאךְ אָנְהוֹיבּ נָאכְאַמָאל פוּן אָנְפַאנְג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מִשְׁנַיוֹתְ'ל דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען בַּאוַוייזְן, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס וֶועט אוּנְז הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶעם קַבָּלַת פָּנִים דוּרְךְ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב, וָואס וֶועט אוּנְז אַרֵיינְפִירְן גְלַייךְ אִין גַן עֵדֶן.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיְחִי תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### פַּארְוָואס זִיךְ קְרִיגְן?

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנִים, כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת" - אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶער גֶעשְׁטַאלְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ; דִי זֶעלְבֶּע הָאט אוֹיךְ יֶעדֶער אַנְדֶערֶע דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת אוּן עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן חִילוּקֵי דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ אַ זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת. דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ קְרִיגְן צוּלִיבּ דֶעם, אוּן דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן אַרוֹיפְצוּצְווִינְגֶען זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער זָאל מוּזְן הַאלְטְן אַזוֹי וִוי אִים.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען אַמֶערִיקֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי לְבָנָה, הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט יֶענֶעם, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעלֶעבְּט דָארְטְן אוֹיף דִי לְבָנָה. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְט,

קוּקְנְדִּיג >>>

## א גוט ווארט

פוּן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע וֶוערְטֶער וָואס הָאט מִיךְ זֵייעֶר בַּאנוּמֶען וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְווָאוּסְט פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ; וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אַז אֲפִילוּ עֶס וֶועלְן אַרָאפְּקוּמֶען מַלְאָכִים פוּן הִימְל אוּן דִיךְ צֶעבְּרֶעכְן - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן 'אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין', אוּן אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "אֲפִילוּ מֶען וֶועט מִיר אוֹיפְוַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט - וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן 'אִיךְ דַארְף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין'".

גֶעוַואלְד, וואוּ הֶערְט מֶען אַזֶעלְכֶע קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע וֶוערְטֶער, אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט; אַז אוּנְז פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, פִּיצַא עֶסֶערְס אוּן קָאלֶע טְרִינְקֶערְס - זָאלְן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ה)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אוֹיסְהֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דַיין וַוייבּ אִיז צֶעקְלַאפְּט וְכוּ', זִי וֵויינְט וְכוּ' – זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט מֶער צֶעקְלַאפְּן, נָאר בּוֹי אִיר אוֹיף. דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט דַיין וַוייבּ אִיז אַ גוֹלָם, דִי גְמָרָא זָאגְט שׁוֹין דָאס; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אִין דִי הַיינְטִיגֶע בְּלַאט, (סַנְהֶדְרִין כב:): "אִשָּׁה גוֹלָם הִיא", אוּן זִי אִיז "כּוֹרֶתֶת בְּרִית", זִי וֶוערְט אֵיינְס – "אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי", נָאר מִיט דֶעם מַאן וָואס מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי; וֵוייסְט דִי פְּשַׁט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוער עֶס בּוֹיט אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי, פוּן אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי מַאכְט עֶר אִיר פַאר אַ גַאנְצֶע זַאךְ, עֶר רִימְט אִיר כְּסֵדֶר אַז זִי אִיז אַזוֹי חָשׁוּב אוּן אַזוֹי גוּט – נָאר צוּ אִים אִיז זִי כּוֹרֶתֶת בְּרִית, זִי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִים.

מָארְגְן נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' נָתָן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ – וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אַ גַאנְצֶע סֶעט לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת"; דִי סוֹד אִיז אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוֹיסְהֶערְן, וַוייזְן אִינְטֶערֶעס; אַז מֶען זִיצְט מִיט דִי טֶעלֶעפָאן אוּן מִיט אֵיין אוֹיעֶר הֶערְט מֶען אִיר רֶעדְן, אוּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע אוֹיעֶר הֶערְט מֶען דִי וִויצְן פוּן דִי סְטֶעטוּס וְכַדוֹמֶה – אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אֵיינְס.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין), "לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג דַארְף זַיין אַ חִיוּב פַאר מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג".

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין אַ יָארְצַייט סְעוּדָה, אִיךְ וִויל דִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ לַאדֶענֶען. אוֹיךְ וֶועט דָאס זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מְסִיבָּה פַאר דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מוֹסְדוֹת, דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען מִיט הַאלְטְן אוּן מְחַזֵק זַיין דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדוֹת תְּפִלָּה

**לח. אַקְדִּימוּ וְאַחֲשִׁיכוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא, כִּי הֵיכִי דְּתַאֲרִיכוּ חַיֵּי. קוּמְט פְרִי אִין שׁוּל, אוּן גֵייט אַהֵיים שְׁפֶּעט פוּן שׁוּל, אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן אַ לַאנְג לֶעבְּן.**

**לט. מִי שֶׁאֶפְשָׁר לוֹ לְבַקֵּשׁ רַחֲמִים עַל חֲבֵרוֹ וְאֵינוֹ מְבַקֵּשׁ, נִקְרָא חוֹטֵא. וֶוער עֶס קֶענֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין חַבֵר, אוּן עֶר בֶּעט נִישְׁט, הֵייסְט עֶר אַ זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ.**

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אַרָאפּ פוּן דִי לְבָנָה.

וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי פְרַאגֶע הָאט עֶר זִיךְ צוּלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעקוּקְט פוּן אוֹיבְן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְטְל וִוי אַ קְלֵיינֶע בָּאלִי. אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם קְלֵיינֶעם בָּאלִי גֶעפִינֶען זִיךְ בִּילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם צְוִוישְׁן זִיךְ, זֵיי פִירְן גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וִוי זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אֵיין קְלֵיינֶעם בָּאלִי".

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לִימוּד. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע מַחְלוֹקֶת'ן, עֶר דַארְף זִיךְ קְרִיגְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, דַאן קֶען עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן גְלַייךְ, זַיין גַאנְצֶער מֹחַ לִיגְט נָאר אִין דֶעם וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהוֹיבְּט זִיךְ אָבֶּער אַבִּיסְל הֶעכֶער, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט פוּן אוֹיבְן אַרָאפּ, דַאן פַארְשְׁטֵייט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן אַזוֹיפִיל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זִיךְ, עֶר זוּכְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי יֶענֶעם צוּ פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן עֶר זוּכְט נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט זִיךְ אִין זַיין אֵייגְן וֶועלְטְל בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט דַוְקָא יָא אַרַיינְצוּשְׁטֶעקְן זַיין נָאז בַּיי יֶענֶעם, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן אַן עֵצָה אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז דֶער צְוֵוייטֶער עֶקְזִיסְטִירְט בִּכְלַל.

דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פח, א) אַז וֶוען פּוֹטִיפַר'ס וַוייבּ הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף יוֹסֵף אוּן מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טוּרְמֶע, הָאט גַאנְץ מִצְרַיִם גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן מֶען אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יוֹסֵף. דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט'ן שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶעם שַׂר הָאוֹפִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען פַּרְעֹה, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף. אוּן אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס אֵייבִּיג וֶוען מֶען וִויל זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. אֵיינֶער הָאט גֶע'מַסְר'ט אַז דִי גֶעבֵּיידֶע פוּן דִי בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן דִי יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארְן לֶעגַאל, אוּן מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְפָּארְשְׁן. אֵיין טָאג הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אִין שׁוּל עֶטְלִיכֶע פָּאלִיצֵייאִישֶׁע אוֹיסְפָארְשֶׁער מִיט'ן צִיל אוּנְטֶערְצוּזוּכְן דֶעם גַאנְצְן בִּנְיָן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז דָארְט לֶעגַאל. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּפָארְשְׁן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִים אוֹיסְפְרֶעגְן אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת. אִינְצְוִוישְׁן הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי בַּאמֶערְקְט פוּן דִי פֶענְסְטֶער אַז אַ פָּאלִיצֵיי קַאר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶר גֶעבְּט אַ טִיקֶעט פַאר זֵייעֶר קַאר וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעפַּארְקְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. זֵייעֶר קַאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בַּאצֵייכְנְטֶע פָּאלִיצֵיי קַאר. זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ זָאגְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אִינְדְרוֹיסְן וֶוער זֵיי זֶענֶען אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין טִיקֶעט. זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אוֹיסְפָארְשֶׁער אוּן זֵיי אַרְבֶּעטְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי דֶעפַּארְטְמֶענְט, אוּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין טִיקֶעט. עֶס הָאט זֵיי אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. דֶער פָּאלִיצַיאַנְט אִינְדְרוֹיסְן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם טִיקֶעט אוּן זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער.

דִי אוֹיסְפָארְשֶׁער זֶענֶען צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט, אַז דֶער פָּאלִיצַיאַנְט הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין רֶעכְט זֵיי צוּ גֶעבְּן אַ טִיקֶעט, זֵיי אַרְבֶּעטְן דָאךְ אוֹיךְ פַאר דִי פָּאלִיצֵיי, אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ הֶעכֶער אִין רַאנְג פוּן דֶעם פְּשׁוּט'ן פָּאלִיצַיאַנְט וֶועלְכֶער גֵייט אַרוּם אִין דִי גַאסְן, אוּן אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זָאלְן שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין אִין גֶערִיכְט אוּן קְלָאגְן דֶעם פָּאלִיצַיאַנְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶע חוּצְפָּה... דִי אוֹיסְפָארְשֶׁער הָאבְּן זֵייעֶר עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט לוֹיפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצַיאַנְט צוּ זֶען וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִים צוּ קֶענֶען קְלָאגְן אִין גֶערִיכְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵיי דַאן גֶעגֶעבְּן אַ פְרֶעג וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִיט דִי גֶעבֵּיידֶע, אוֹיבּ אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג... הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַלֶעס אִיז וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין... זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע פַּאפִּירְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פַיין... אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצַיאַנְט...

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט פַאר'ן עוֹלָם: "יֶעצְט הָאט אִיר גֶעזֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דָאס וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ אַלֶעמָאל. אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט זִיךְ אָנְצוּלֵייגְן אוּן צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר וֶועט מוּזְן אָפְּלָאזְן יֶענֶעם".

דָאס דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר זָאל אַלֶעמָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַלֵיין צוּ פַארְבֶּעסֶערְן. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַ צְוֵוייטְן, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶענֶעם, אוּן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן "צֶמַח צֶדֶק" זי"ע אוּן הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען. וֶוען דֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין שׁוּל, טְשֶׁעפֶּעט אִים יֶעדֶער אֵיינֶער, יֶעדֶער טְרֶעט אוֹיף אִים, אוּן עֶר קֶען דָאס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן. הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט: "וֶוער הֵייסְט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְלֵייגְן אִיבֶּער'ן גַאנְצְן שׁוּל אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אוּן אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער מוּזְן טְרֶעטְן אוֹיף דִיר? דוּ שְׁטֵיי אִין דַיין וִוינְקְל, אוּן דַאן וֶועט בְּלַייבְּן גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף דִיר"...

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אֵיין אִין זַיין וִוינְקְל, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ו עֶרֶךְ חִלּוּקֵי דֵעוֹת, וח"ז עֶרֶךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק מ"ח מִכְתָּב ח'תתי"א)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קפט)

### תרלט

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן עֶסְן מִיט אִים.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז עֶר הָאט אַלְץ גֶעגֶעסְן אַלֵיין אִין זַיין חֶדֶר מְיוּחָד, נָאר פוּן מָאל צוּ מָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֵת רָצוֹן אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעלֵייגְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ מִיטְעֶסְן מִיט אִים. אוּן אִין יֶענֶע נַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט.

אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן אִינְאֵיינֶעם, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, זַיין אֵיידֶעם ר' יוֹסְקֶע, אוּן רֶבִּי נָתָן; אוּן אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט דֶער רֶבִּי אַרֵיינְגֶעהֶערְט פוּן אִינְדְרוֹיסְן וְוי אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְט קִידוּשׁ לְבָנָה, אוּן יֶענֶער זָאגְט דִי בְּרָכָה מִיט אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת פוּן טִיפְן הַארְץ, וְוי דֶער סֵדֶר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם, אוּן פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מְלָכִים-ב' ב', ט') "וִיהִי נָא פִּי שְׁנַיִם בְּרוּחֲךָ אֵלָי", וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן ס"ו).

עֶס אִיז בַּאקַאנְט בֵּיי אוּנְז אַז אוֹיף יֶעדְן דִיבּוּר וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען אַסַאךְ מָאל זָאגְן "אִלְמָלֵא לָא אָתִינָא לְעָלְמָא אֶלָּא לְמִשְׁמַע דָא דַי" (עַיֵין זוֹהַר פַּרְשַׁת אֱמוֹר, צ"ח:), וֶוען מִיר זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דָאס צוּ הֶערְן, אִיז שׁוֹין גֶענוּג. אוּן זִיכֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן נָאךְ אוּן נָאךְ, דִי וַוייטֶערְדִיגֶע הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי תּוֹרָה. ווּאוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיעֶרְן זֶענֶען זוֹכֶה דָאס צוּ הֶערְן.

### תרמ

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

### תרמא

**שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיְחִי** זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ גֶעסְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אַסַאךְ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז עֶס מוּז זַיין אַז עֶר בֶּענְקְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָארְט צוּ זַיין.

פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אִיבֶּער צֶעבְּרֶעכְן מְנִיעוֹת, וָואס דִי תּוֹרָה אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע תּוֹרָה, וְוי מֶען קֶען זֶען אִינֶעוֵוייניִג אִין דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ו).

### תרמב

**מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִוידֶער גֶעזָאגְט אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה וֶועגְן מַמְשִׁיךְ זַיין דִי רוּחַ פוּן מָשִׁיחַ, וָואס אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע תּוֹרָה.

### תרמג

**נָאךְ שַׁבָּת** הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן אַ וָואגְן וָואס קֶען אִים נֶעמֶען, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן רֶבִּי'ן אִין דִי פְרִיעֶ פַארְטָאגְס שָׁעָה'ן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעיָאגְט.

עֶר אִיז אַרֵיין אִין רֶבִּינ'ס צִימֶער זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין לִיכְט אִין שְׁטוּבּ, דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעלִיגְן אִין בֶּעט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אַ לִיכְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן רֶבִּי'ן אִינְמִיטְן דִי טוּנְקֶעלֶע נַאכְט, עֶר הָאט אַבִּיסְל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעפָארְן קֵיין מָאהְלוּב.

אָנְקוּמֶענְדִיג קֵיין מָאהְלוּב הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דָארְט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֵייעֶר שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים, אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין וַוייבּ.

### תרמד

אִין יֶענֶע צַייט אִיז הרה"ק רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע גֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין, וָואס אִיז נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אִים גֶעפָארְן בַּאזוּכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל זי"ע הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן נִתְפַּעֵל פוּן דִי תּוֹרָה. וֶוען מֶען הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי ר'

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# אִיז אַ פֶעלֶער אַז מְ'וֵויינְט אַסַאךְ?



*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיז אַ פֶעלֶער אַז מְ'וֵויינְט אַסַאךְ? אִיךְ זָאג אַ גַאנְצְן צַייט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בֶּעט נָאר אַ מַתְּנַת חִנָּם, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶועגְן פַּרְנָסָה, חוֹבוֹת, אוּן פַארְבֶּעסֶערְן וָואס אִיךְ דַארְף פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן נִישְׁט זַיין בֵּייז, אוּן נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג צוּ יֶעדְן, וּבִפְרַט אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ זָאל גֶעבְּן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען.

עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס אִיךְ וֵויין זֵייעֶר אַסַאךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג מִיט דֶעם? וְוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ אוֹיבּ דִי וֵויינֶען הָאט אַ שַׁייכוּת מִיט עַצְבוּת? אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר זִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען מֶענְטְשְׁן צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַזוֹי וְוי מֶען שְׁמוּעֶסְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד אוּן וְוי אַ קִינְד שְׁמוּעֶסְט מִיט זַיין טַאטֶע; דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

וְוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ וִויסְן אוֹיבּ דִי וֵויינֶען קוּמְט פוּן עַצְבוּת? אוֹיבּ מֶען אִיז בְּרוֹגֶז, מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ - דָאס אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְסְט אַ מַתְּנַת חִינָם - דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין עַצְבוּת, וֵויינֶען אִיז נִישְׁט עַצְבוּת; דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּ בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִינָם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן, כו), צַדִּיקִים קֶענֶען בֶּעטְן וָואס עֶס קוּמְט זֵיי, דָאךְ בֶּעטְן זֵיי נָאר אַ מַתְּנַת חִינָם; **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דִיר אַ מַתְּנַת חִינָם, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, גֶעבּ מִיר הַרְוָחָה וְכוּ'".**

עַצְבוּת אִיז וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס אִיז דִי חִילוּק פוּן אַ 'לֵב נִשְׁבָּר', אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ - צוּ 'עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה', דֶעפְּרֶעסְט, דֶערְבִּיטֶערְט; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מב), 'עַצְבוּת' אִיז וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַצְבוּת אִיז זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוּן הָאבְּן טַעֲנוֹת, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָבֶּער 'לֵב נִשְׁבָּר' אִיז - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט צוּם הִימְל, כְּבֵן הַמִּתְחַטֵּא, אוּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בֵּיי אִים.

זֶע אָבֶּער זָאלְסְט אוֹיךְ אַוֶועק גֶעבְּן צַייט פַאר תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, תְּפִילָּה מוּז גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען כֹּחַ וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן; דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן גֶעבְּט כֹּחַ צוּ בֶּעטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, לָאז זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת אוּן מַאךְ פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת אוֹיךְ תְּפִילָּה, דָאס אַלֵיין קֶענְסְטוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ה)

<<<<<< לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

בָּרוּכְ'ל זי"ע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן תּוֹרָה, אִיז מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֵיין גוּטֶער אִיד?! דֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן אַ גֶעלִינְקְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶועןְ קֵיין גוּטֶער אִיד?!"

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ אַזוֹי הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ לֵיינֶען [אַ זַאךְ אִין וָואס אִיךְ דַארְף זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן דֶערִין עֶס צוּ פַארְשְׁטֵיין], אִיךְ דַארְף טַאקֶע וִויסְן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן אַ גֶעלִינְקְטֶער", אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קֵיין בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן אַ גֶעלִינְקְטֶער, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוָוארְן אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה.

**תרמה**

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גֶעפְּלַאנְט אַהֵיימְצוּפָארְן מִיט זַיין וַוייבּ קֵיין נֶעמִירוֹב, אָבֶּער עֶס הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוֹיךְ דִי דִינְסְט אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶס הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אַסַאךְ קְרֶענְק אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט, אִיבֶּעְרָאל זֶענֶען גֶעוֶוען קְרַאנְקֶע.

דֶער רֶבִּי שׁוֹין הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז אִין יֶענֶעם יָאר וֶועט זַיין אַסַאךְ קְרֶענְק (זֶע אוֹיבְּן אוּן סִימָן תרי"ח).

גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז שְׁטַארְק קְרַאנְק גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אֵיינֶעם צוּ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע צַעַר פוּן דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַלֵיין צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן אַן עֶנְטְפֶער בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ, דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָארְט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר זִיסֶע וַוארֶעמֶע הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער, אִינֶעם בְּרִיוו הָאט דֶער רֶבִּי אִים אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִים, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק אוּן מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם בְּרִיוו, אוּן דָאס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען דִי עִיקָר חַיּוּת פוּן רֶבִּי נָתָן. אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן תַּעֲנוּג אוּן הִתְחַזְקוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

**תרמו**

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שַׁבַּת שִׁירָה, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. פוּן דָארְט אִיז עֶר נָאכְדֶעם גֶעפָארְן קֵיין טְשֶׁערִין, אוּן פוּן דָארְט קֵיין קְרִימִינְטְשָׁאק, אוּן דָארְט הָאט עֶר גֶעוַוארְט עֶטְלִיכֶע וָואכְן בִּיז זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה הָאט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד, וַוייל זִי הָאט דֶעמָאלְט גֶעוַוארְט צוּ הָאבְּן אַ קִינְד.

דִי גַאנְצֶע צַייט אֵיידֶער דָאס קִינְד אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס פָּנִים, עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיבּ מֶען הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט צְוֵויי סָארְט עֶסְן בֵּיי אַ סְעוּדָה, וַוייל עֶר אִיז נָאר גֶעזֶעסְן אוּן גֶעוַוארְט אוּן אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אַ גַאנְצֶע טָאג אַז זַיין טָאכְטֶער זָאל גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד בְּשָׁלוֹם. דִי גַאנְצֶע צַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּצַעַר, עֶר הָאט זֵייעֶר וֵויינִיג גֶערֶעדְט, עֶר אִיז נָאר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען כְּסֵדֶר.

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי אָנְגֶעפִילְט מִיט צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ דִי גַאנְצֶע צַייט, בִּיז יֶענֶע נַאכְט וֶוען זַיין טָאכְטֶער הָאט גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד. גְלַייךְ דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אָנְצִינְדֶען אַסַאךְ לִיכְט, צוּגְרֵייטְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע פָּאנְטְשׁ גֶעטְרַאנְק, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר גָאר פְרֵיילִיךְ.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הילולא קדישא פון כ"ק מוהרא"ש זי"ע צו מחזק זיין הפצה והדפסה

אין די יעצטיגע טעג האט דער ראש ישיבה שליט"א באשטימט דעם טאג פון די יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע און די סעודת הילולא אז דער קרן הדפסה זאל האבן די זכיה עס אפצוערכטן לטובת החזקת דעם הייליגן מוסד, און דערמיט געבן די געלעגנהייט פאר אנשי שלומינו צו קענען נעמען א חלק אין די הייליגע ארבעט.

מען דארף קיינעם נישט זאגן וואס קרן הדפסה טוט און וואס זי שטייט פאר, זיי זענען די וואס שטייען בראש פון די מערכה צו דרוקן און פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס לימודים און פון זיינע תלמידים אויף אלע מיני וועגן וואס איז שייך. ווען מען כאפט א שפאציר אינעם גיגאנטישן בנין פונעם קרן הדפסה טרעפט מען פילע אפיסעס מיט אינגעלייט וואס געבן זיך איבער בלב ונפש, מען שרייבט אמונה, מען זינגט אויף אלבומס, מען איז מסדר דעם קול ברסלב האטליין, מען געבט זיך אפ מיט'ן "ברסלב סענטער", אונטן קען מען שטיין פארגאפט אינעם ריזיגן היכל הדפסה ווי עס געפונען זיך די ריזיגע דרוק מאשינען וואס שפייען אויס יעדע מינוט הונדערטער בלעטער פון אויסגאבעס, קונטרסים, גליונות און ספרים וואס ווערן דערנאך צושיקט צו די פילע קאסטומערס, און בעיקר צו מפיצים וואס באשטעלן ריזיגע ארדערס צו קענען דערנאך דאס פארשפרייטן צו אידן איבער די וועלט.

מיר זענען זיכער אז מוהרא"ש זי"ע קוקט זיך אום און שעפט פילע הויפענס נחת ווען ער זעט אז זיין הארעוואניע און מסירת נפש אויף הדפסה והפצה איז נישט געגאנגען לאיבוד זעענדיג ווי וויכטיג די ספרים זענען פאר'ן דור האט ער צוגעזאגט אז ער וועט נישט רוען ביז די ספרים וועלן זיין צו באקומען גרינג און פאר ביליג. מוהרא"ש האט זיך טאקע מוסר נפש געווען פאר דעם צוועק און האט זיך אנגע'חוב'עט הונדערטער טויזנטער דאלער (אפילו היינט איז עס א גרויסע סכום, און כל שכן פאר איבער פופציג יאר צוריק) און זיך פארשעמט ביז ער האט געמאכט א רעוואלוציע מיטן רבינ'ס לימודים, אז היינט גייט עס אריין אין די וועלט אויף א וועג וואס קיינער וואלט זיך נישט גע'חלומ'ט.

דערפאר איז נישטא קיין מער פאסיגער דאטום פאר א מסיבה פאר קרן הדפסה ווי מוהרא"ש'ס יארצייט. פון קרן הדפסה געבט מען איבער אז מען פלאנט צו מאכן א הערליכע מסיבה מיט א רייכע פראגראם, עס וועט פארטיילט ווערן שיינע מתנות פאר אלע נדבנים וואס האבן צושטייער געגעבן פאר'ן קרן הדפסה. דער דינער וועט הי"י יאר אפגעהאלטן ווערן בעזהשי"ת אינעם די פראכטפולע HCS רעזארט זאלן אין סאוט פאלסבורג. מער פרטים וועלן נאכפאלגן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

די אלע וואס האבן זיך אונטערגענומען און געקויפט פארשידענע זכותים אינעם קרן הדפסה, קענען נאך אריינרופן צו ענדיגן צאלן זייערע זכותים אדער אויסארבעטן א פלאן ווי אזוי עס אויסצוצאלן איידער דעם יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע וואס פאלט אויס אין עטליכע וואכן ארום אי"ה. רופט דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישעי' איידליס** שליט"א וויליאמסבורג
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נתן דוד בורשטיין** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם ראטמאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נתן גאלד** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן גאלדשטיין** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די אפשערן פון זיין זון מנחם מאניש נ"י למזל טוב**


## גוט ווארט אויף פרשה

**א גוט ווארט אויף די פרשת השבוע, ארויסגענומען פון שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א, נאכצוזאגן ביים שבת טיש**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 4, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספּיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >